STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05214

DER BOYM FUN GEZUNTHEYT

M. Sleptsova

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוגנט=ביבליאָטעק „ח ב ר"

דער בוים פון געזונטהייט

לויט מ. סלעפּצאָווא.

יידיש — ידידיה.

פאַרלאַג
„די נייע יידישע פאָלקסשול"
ווילנע

1924

דרוק ש. עטשטיין שטראַשון גאַס 6.

Der boim fon gezuntheit M Slepcowa.

דער בוים פון געזונטהייט.

I.

אין 1492 יאָר האָט דער איטאַליענער כריסטאָפאָר קאָלומבוס, זוכנדיק אַ קורצן וועג קיין אינדיע, אַנטדעקט אַ נייעם מאַטעריק, וועלכער איז איצט באַוואוסט מיטן נאָמען אַמעריקע.

דאָס נייע לאַנד איז באַדעקט מיט אומבאַקאַנטע ביימער; אויף די ביימער — אומבאַקאַנטע פרוכט, אין די וועלדער — אומבאַקאַנטע חיות, אומבאַקאַנטע פייגלען. אין דעם נייעם לאַנד האָט קאָלומב מיט זיינע מיטרייזנדער — שפּאַניער — באַגעגנט אומבאַקאַנטע מענטשן: יונגען — איינע אין איינע! ניט זייער שטאַרקע אָבער שלאַנקע, פלינקע, מיט גוטע פריינדלאַכע פּנימער. די הויט איז ביי זיי קופּער־רויט; קיין באָרד האָבן זיי ניט, קיין קליידער טראָגן זיי ניט; דערפאַר זיינען זיי פון קאָפּ ביז די פיס באַפּוצט מיט פאַרשיידענע געמעלן. אין די אויערן, אין נאָז, אין די באַקן טראָגן זיי גילדערנע צירונג, ענלאַך צו אונזערע אוירינגלאַך; אויפן קאָפּ און אין גאַרטל — פאַרשיידנפאַרביקע פעדערן; זיי ריידן אויף אַ לשון, וואָס איז אונזערע מענטשן אינגאַנצן אומפאַרשטענדלאַך.

די רויטהויטיקע ווילדע האָבן געקוקט אויף די שפּאַניער, ווי אויף עפּעס מאָדנע טשיקאַווע באַשעפענישן. זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען אַזוינע גרויסע שיפן מיט זעגלען און האָבן עס אָנגענומען פאַר וואונדערלאַכע ברואים מיט פליגלען. זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען קיין ווייסע בערדיקע מענטשן, קיין בלישטשענדיקע מעסערס, קיין ביקסן, וואָס שליידערן אַרויס פון זיך דונער און בליץ. און ביי די ווילדע איז געבליבן, אַז אויף די פליגלדיקע ברואים זיינען עס אַראָפּגעגאַנגען די געטער פון הימל אויף דער ערד.

קאָלומבוס איז געווען זיכער, אַז ער איז פאַרפאָרן אין אינדיע, האָט ער די רויטהויטיקע אַ נאָמען געגעבן — אינדיאַנער. דערדאָזיקער נאָמען איז פאַרבליבן פאַר זיי ביז היינטיקן טאָג. צווישן די אינדיאַנער און שפּאַניער האָבן זיך איינגעשטעלט זייער גוטע פריינדשאַפטלאַכע באַציאונגען. קאָלומבוס האָט איבערגעוואַלד קיינזאַך ניט גענומען ביי די אינדיאַנער; פאַרקערט — ער פלעגט זיי נאָך געבן פאַרשיידענע מתנות. ער האָט פאַרזאָגט זיינע חברים, זיי זאָלן מיט קיינזאַך ניט באַליידיקן די רויטהויטיקע. די אינדיאַנער פון זייער זייט פלעגן אָפּגעבן די ווייסהויטיקע אַלץ דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן נאָר פאַרמאָגט, אַפילו די גאָלדענע צירונג.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז קאָלומבוס מיט אַ געוויסן טייל פון זיינע מיטרייזנדער אַוועקגעפאָרן צוריק קיין שפּאַניע. די איבעריקע שפּאַניער האָבן לויטן פאָרשלאָג פון קאָלומבוסן אויסגעקליבן איבער זיך אַן עלטסטן און זיינען געבליבן ביי די אינדיאַנער. און ווי נאָר קאָלומבוס איז אַוועקגעפאָרן, האָט גלייך גענומען אַ סוף צו די גוטע באַציאונגען צווישן די ווייסע און רויטהויטיקע. די שפּאַניער זיינען געווען זייער דאָרשטיק נאָך רייכקייט; זיי האָבן נאָר געוואַרט, קאָלומבוס זאָל אַוועקפאָרן, כדי צו קענען פונאַנדערפירן די הענט. זיי האָבן ניט

געפּאָלגט זייער עלטסטן, ביי יעדער געלעגנהייט פלעגן זיי באַליידיקן די אינ־דיאַנער; זיי פלעגן צווינגען די רויטהויטיקע אויספירן פאַרשיידענע שווערע אַרבעט, און פלעגן זיך באַגיין מיט זיי זייער גראָב.

אַ פולע אינדיאַנער זיינען אומגעקומען פון דערדאָזיקער קנעכטשאַפט. זיי האָבן אָבער געהאַלטן די ווייסהויטיקע פאַר געטער און דעריבער האָבן זיי אַ לענגערע צייט געדולדיק אַריבערגעטראָגן די בייזע אומברחמנותדיקע באַ־האַנדלונג פון די שפּאַניער. אָבער דאָס געדולד פון די וויל־ע האָט סוף־כל־סוף דאָך געפּלאַצט, און ענדלאַך זיינען אייניקע מער דרייסטע אינדיאַנער איינ־מאָל ביינאַכט באַפאַלן די שפּאַניער און אויסגעהרגעט זיי אַלעמען ביז איינעם. פון דאַן אָן האָט זיך איינגעשטעלט אַ שרעקלאַכע שנאה צווישן די ווייסע מיט די רויטהוי־טיקע.

די נקמה פון די רויטהויטיקע האָט אָבער ניט אָפּגעשראָקן די גאָלד־דאָרשטיקע שפּאַניער. גאַנצענע מחנות פלעגן זיי זיך אַוועקלאָזן אין אַמעריקע און גאָר אינגיכן האָבן זיי פאַרכאַפּט אין זייער רשות גרויסע שטחים לאַנד. די שפּאַניער, וואָס זיינען געקומען אַהער, האָבן געטראַכט נאָר וועגן דעם, ווי אָנצולעבן וואָס מער און מער רייכקייט, און האָבן מיט קיינע מיטלען ניט בראַקירט. די אינדיאַנער פלעגט מען לייגן אויף הייסע קוילן, אָנטאָן געברענ־טע ליידן, כּדי זיי זאָלן אויסזאָגן, צי באַהאַלטן זיי ניט ערגעץ וואו גאָלד; צי ווייסן זיי ניט די ערטער, וואו מען קען געפינען גאָלד. די אינדיאַנער פלעגט מען צווינגען אַריבערטראָגן די שווערסטע משאות (אין אַמעריקע זיינען דאַן קיין פערד ניט געווען), גראָבן גריבער און וועגן אונטער דער ערד אויף צו באַקומען גאָלד. אַפילו די פרויען פלעגט מען אויך איינשפּאַנען אין אַקער־אייזנס אויף צו אַקערן די ערד. פאַר דעם קלענסטן ווידערשטאַנד פלעגט מען זיי שלאָ‍ן מיט שטעקנס, מיט בייטשן. די אומגליקלאַכע פלעגן זיך וואַלגערן אויף דער ערד פון אויסגעמאַטערטקייט, פלעגן פאַלן ווי די פליגן; די בייזקייט פון די שפּאַניער האָט גאָר קיין גרעניץ ניט געהאַט.

— „אַ שפּאַניער האָט איינמאָל אויף געיעג ניט געהאַט מיט וואָס אָנצו־קאָרמען זיינע הינט“,—האָט דערציילט אַ אינדיאַנער. — „האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ קינד פון די הענט פון אַ אינדיאַנערין און האָט אים אַ וואָרף געטאָן פאַר די הינט... די הינט האָבן ניט אָנגערירט דעם קינד... הינט זיינען באַרמהאַרציקער פאַר שפּאַניער!“ די הערשער, וואָס די שפּאַנישע מלכים פלעגן שיקן קיין אַמע־ריקע, פלעגן אויך ניט פאַרטיידיקן די אינדיאַנער; זיי פלעגן גאָרניט אויסהערן זייערע אָנקלאָגעס, זיי פלעגן שטענדיק האַלטן מיט די ווייסהויטיקע.

די אינדיאַנער האָבן אַזויפיל געליטן פון זייערע אונטערדריקער, אַז זיי האָבן בשום־אופן ניט געוואָלט גלויבן, אַז צווישן די שפּאַניער קענען זיך גע־פינען אויך גוטע מענטשן. אין אַמעריקע זיינען געקומען קריסטלאַכע גייסטלאַכע, כּדי צו פאַרשפּרייטן דעם קריסטנטום צווישן די אינדיאַנער. די גייסטלאַכע פלעגן צוזאָגן די אינדיאַנער דעם גן־עדן און די גרעסטע גליקן אויף יענער וועלט, אויב נאָר זיי וועלן אָננעמען דעם קריסטנטום.

— ווער וואוינט דאָרטן אין גן־עדן? — האָט איינמאָל אַ אינדיאַנער גע־פרעגט ביי אַ גייסטלאַכן.

— אַלע גוטע מענטשן, — האָט געענטפערט דער גייסטלאַכער.

— און די שפּאַניער?

— דער גן-עדן איז אָפן פאַר אַלע גוטע מענטשן, במילא אויך פאַר די גוטע שפּאַניער... אָבער נאָר פאַר די גוטע.

— איך וויל ניט אָננעמען דעם קריסטנטום! איך דאַרף ניט דעם גן-עדן. ס׳קען ניט זיין קיין גליק, דאָרט וואו ס׳זיינען דאָ שפּאַניער, — האָט מיט אַ מוראדיקער אויפרעגונג אויסגעשריען דער אינדיאַנער.

II.

די שנאה פון די אינדיאַנער צו זייערע ווייסהויטיקע אונטערדריקער איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און פאַרביטערטער. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די אינדיאַנער פלעגן אָן אַ ברעקל רחמנות און אַפילו מיט פאַרגעניגן זיך צוקוקן, ווי די שפּאַניער פלעגן קראַנק ווערן און שטאַרבן פון דעם אָרטיקן בייזן פיבער: דער פיבער טרייסלט דעם קראַנקן, וואַרפט אים אין היץ און אין קעלט, רופט אַרויס אַ ברעכעניש אין אַלע גלידער, מאַטערט אים, ציט אַרויס ביי אים די לעצטע כוחות, ביז ער שטאַרבט. וואָסערע רפואות האָבן שוין די שפּאַניער דאָקטוירים ניט אויסגעפּרובט קעגן דעם פיבער — קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן.

די אינדיאַנער האָבן ניט געליטן אַזויפיל פון דעם פיבער. ערשטנס, זיינען זיי צוגעוווינט צו זייער אייגענעם געגנט, און צווייטנס, האָבן זיי גע-וואוסט אַ רפואה צו דערדאָזיקער בייזער קראַנקייט.

די רוקנס פון די בערג, וואָס ציען זיך פאַרביי דעם גאַנצן מערבדיקן ברעג פון אַמעריקע, זיינען באַדעקט מיט געדיכטע וועלדער. אין אַט דידאָזיקע וועלדער, אין אייניקע ערטער פון דרום־אַמעריקע, אין דער געוועזענער שפּאַ־נישער געגנט פּערו (פּערו איז איצטער אַ זעלבשטענדיקע מלוכה) וואַקסט אַ רפואה־בוים, „דער בוים פון געזונטהייט" אָדער דער כינע־בוים. פון דער קאָרע פון דעם דאָזיקן בוים באַקומט מען כינין, וואָס איז איצטער די פאַר-שפּרייטסטע רפואה קעגן אַלערליי פיבערס.

דער כינע־בוים האָט ניט האָלט קיין קעלט, נאָר האָט אויך מורא פאַר גרויס היץ, טראָגט ניט אַריבער קיין פייכטקייט און האָט אויך מורא פאַר שטאַרקע טרוקנקייט. זיין שטאַם ציט זיך גלייך, נאָר הייבט זיך אויף ניט זייער הויך, — 3—4 מאָל העכער פון אַ מענטשלאַכן וואוקס. זיינע בלעטער, ענלאַך צו מאַי־בלעטער, טיילן זיך אויס פון דער אַרומיקער גרינקייט מיט דעם, וואָס די אונטערשטע זייט זייערע איז רויטלאַך.

מען דערציילט, אַז וועגן די רפואה-אייגנשאַפטן פון דעם כינע-בוים האָבן זיך די רויטהויטיקע דערוואוסט גאַנץ צופעליק. ס׳איז קראַנק געוואָרן אַן אינ־דיאַנער: ס׳וואַרפט אים אין היץ און אין קעלט. פון קעלט גייט ער זיך וואַ־

רימען אויפן זון, פון היץ גייט ער זיך אָפּקילן אין שאָטן פון געדיכטן וואַלד. אים ווערט אָבער אַלץ ערגער און ערגער. האָט ער זיך פאַרשלעפּט איינמאָל ערגעץ ווייט אין דער רעכטער געדיכטעניש פון וואַלד, און אים האָט גענומען מוראדיק מאַטערן דער דאָרשט. איז ער צוגעפאַלן צו דער ערשטער לוזשע, וואָס ער האָט באַגעגנט.

איבער דער לוזשע זיינען אומגעשוואומען צווייגעלאַך פון אַן אָפּגעבראָכענעם בוים, דאָס וואַסער איז פון דער קאָרע געוואָרן ברוינלאַך, ביטערלאַך, אָבער דער אומגליקלאַכער האָט ניט געקאָנט טראַכטן ניט וועגן ריינקייט, ניט וועגן טעם, אַבי נאָר איינשטילן אַ ביסל דעם דאָרשט. ער האָט אויסגעטרונקען אַ היפּש ביסל וואַסער, זיך דערפרישט און אַזעקגעשלעפּט זיך אַהיים... און אויף מאָרגן שפּירט ער — אים איז אַ ביסל בעסער. איז ער ווידער אַוועק צו דער לוזשע, האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעטרונקען — און איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן. האָבן זיך די אינדיאַנער גענומען צוקוקן — פונוואַנען האָט עס דאָס וואַסער אין לוזשע באַקומען אַזאַ מאָדנעם קאָליר און איבערהויפּט אַזאַ מאָדנעם טעם? — מסתמא פון די צווייגעלאַך, וואָס שווימען אַרום איבער אים! טאָ וואָס זיינען עס פאַר אַ צווייגעלאַך? — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען צווייגעלאַך פון כינע-בוים. אַזוי האָבן זיך די אינדיאַנער דערוואוסט, אַז וואַסער, וואָס ציט זיך אָן מיט קאָרע פון כינע-בוים, איז די בעסטע רפואה צו פיבער.

פון דאַן אָן האָבן די אינדיאַנער זייער הויך גענומען שעצן דעם כינע-בוים און האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „בוים פון געזונטהייט", נאָר די שפּאַניער האָבן זיי ניט אַנטדעקט דעם דאָזיקן אוצר. פאַרקערט, זיי האָבן זיך פאַרשוואָרן מיט מוראדיקע שבועות ניט דערציילן זייערע אונטערדריקער וועגן דעם טייערן בוים.

זאָל די מוראדיקע קראַנקייט אומברענגען אונזערע בלוטזויגער — האָבן זיי באַשלאָסן — זי איז אונזער איינציקער פאַרבינדעטער אין דער מלחמה מיט די שפּאַניער.

III.

די שפּאַניער האָבן רעגירט אין אַמעריקע. אָבער די אינדיאַנער האָבן אויך זייער שטייגער פאַרוואַלטעט מיט זייער שבט. זיי פלעגן אויסקלייבן אייגענע פירער, פלעגן זיך צונויפקלייבן אויף באַראַטונגען, וואו זיי פלעגן פונאַנדערקלייבן און באַשליסן פאַרשיידענע פראַגן, דורכפירן משפטים צווישן די מיטגלידער פון אייגענעם שבט, לויט די מנהגים פון די עלטערן און אורעלטערן. דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען געהיים, אין ערטער, וואָס זיינען ניט באַוואוסט און ניט צוטריטלאַך פאַר די שפּאַניער.

אין 1640 יאָר האָט אין פּערו געלעבט אַ שפּאַנישער הערשער, אַ מענטש זייער אַ בייזער. זיינע מקורבים, וועלנדיק אים צופרידנשטעלן, פלעגן ווילדעווען איבערן גאַנצן לאַנד אומדערטרעגלאַך. פּלוצלונג איז דער הערשער אין מורא-

דיקע יסורים געשטאָרבן. ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז די אינדיאַנער האָבן אים פאַרסמט.

האָט זיך דערוואוסט דערפון דער שפּאַנישער קיניג און אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם הערשער, האָט ער געשיקט אין פּערו אַן אַנדערן, דעם גראַף ציגראַן, אַ מענטשן אַ ווייכן און אַ מילדן.

דער גראַף האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט און האָט זייער ליב געהאַט זיין יונגע פרוי; פונדעסטוועגן האָט ער זי איינגערעדט ניט פאָרן קיין אַמע־ריקע, בעסער בלייבן אין שפּאַניע.

— די אינדיאַנער וועלן איר פאַרסמען, קראַנקייטן וועלן איר אומברענ־גען — האָט געטראַכט דער גראַף — זאָל זי בעסער בלייבן אין שטוב.

און די גרעפין איז געווען אומרואיק וועגן איר מאַן.

— די אינדיאַנער האָבן פיינט די ווייסע מענטשן. זיי ווייסן ניט, אַז מיין מאַן איז אַ גוטער, אַ ווייכער, אַן אָרנטלאַכער מענטש. זיי וועלן פאַרסמען מיין טייערן מאַן, כ׳וועל פאַר קיין פאַל ניט בלייבן אינדערהיים, כ׳וועל פאָרן מיט אים: כ׳וועל דאָרט אים אָפּהיטן וויפיל נאָר כ׳וועל קענען.

מיט דער גרעפין איז מיטגעפאָרן קיין אַמעריקע אירע אַ חברטע אַננע. אַננע האָט זייער ליב געהאַט די יונגע שיינע גרעפין, און האָט זיך געזאָרגט וועגן איר, ווי וועגן אַן אייגענער שוועסטער.

דערווייל האָבן די אינדיאַנער מיט אַ מוראדיקער שנאה געטראַכט וועגן דעם נייעם הערשער. ס׳זיינען צו זיי דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דער גראַף איז אַ מענטש אַ ווייכער, אַן אָרנטלאַכער, אָבער זיי האָבן ניט געגלויבט דידאָזיקע קלאַנגען.

— ער איז אַ שפּאַניער, טאָ וואָס־זשע קען מען פון אים דערוואַרטן אויסער געלט־דאָרשטיקייט, בייזקייט, פאַלשקייט — האָבן באַשלאָסן די אינדיאַנער.

אין דער צייט, וואָס ס׳האָט זיך געביטן דער הערשער אין דעם געגנט פּערו, איז דער פירער פון די אָרטיקע אינדיאַנער געווען קסימעאַ. אַ פולע רדיפות, אַ פולע צרות האָט ער איבערגעליטן פון די ווייסע. מיט יעדן טאָג איז גע־וואַקסן זיין שנאה צו זיי. פון דער נאַטור איז קסימעאַ געווען אַ גוטמוטיקער און ווייכער מענטש, אָבער אַדאַנק די שטענדיקע רדיפות איז ער געוואָרן מוראדיק אויפגערייצט און בייז. אָבער סמען די שפּאַניער האָט ער געהאַלטן פאַר אַ נידע־ריקע זאַך, און זיינע חברים פלעגט ער שטענדיק זאָגן: — ס׳איז ניט קיין ווער־דיקער מיטל אין מלחמה! שלאָגן דעם פיינט דאַרף מען אָפן און ניט אויסגע־באַהאַלטענערהייט.

ביי קסימעאַן איז געווען אַ זון, מירוואַן. מיט דריי יאָר צוריק האָט ער חתונה געהאַט מיט דער שענסטער פון די אינדיאַנער מיידלאַך אין גאַנצן אומ־געגנט — מיט זומען. די גוטע און צאַרטע זומע האָט פאַרגעטערט איר מאַן און איר צוויי־יאָריקן זונעלע.

עטלאַכע טעג פאַרן אָנקומען פון דעם נייעם הערשער, האָט קסימעא צונויפגערופן די אינדיאַנער אין דעם טיפן גראָבן, וואָס לעבן דעם הער־לאַך שיינעם כינע־בוים.

— מיינע פריינט — האָט ער געזאָגט — פון שפּאַניע פאָרט אַ נייער הער־שער. ס'קען זיין, ער וועט אונז מאַטערן און רודפן נאָך ערגער, ווי דער פריערדיקער. לאָמיר־זשע איבערחזרן אונטערן הייליקן „בוים פון געזונטהייט" אונזער שבועה — קיינמאָל ניט אַנטדעקן די ווייסע מענטשן די רפואה־אייגנ־שאַפטן פון דעם דאָזיקן בוים. נאָר איין חבר איז אונז געבליבן ביי אונז אין דער מלחמה מיט די ווייסע — דער פיבער; נאָר איין אוצר האָבן די ווייסע ניט באַוויזן אָפּצונעמען ביי אונז — די רפואה־קאָרע.

לאָמיר־זשע איינהאַלטן דידאָזיקע הימלשע מתנה פאַר זיך. ווי איז דעם, וואָס וועט פון מורא וועגן, אָדער צוליב רחמנות אַנטדעקן אונזער סוד די אונטערדריקער! ווי איז דעם, וואָס וועט ברעכן די שבועה! ווי איז דעם פאַר־רעטער! אויב צווישן אונז וועט זיך געפינען אַזאַ פאַררעטער, לאָמיר זיך שווערן אים צו פאַרניכטן, לאָמיר שווערן אָפּצווישן פון דער ערד זיין געזינט, די פרוי, די קינדער, די גאַנצע פאַמיליע זיינע!

— מיר שווערן!.. מיר שווערן!.. — האָבן אין איין קול אויסגעשריען די אינדיאַנער — מיר שווערן היטן די טרייהייט צום „בוים פון געזונטהייט", מיר שווערן צו ליידן, אַריבערטראָגן די שרעקלאַכסטע יסורים, אַבי ניט אַרויסגעבן די שונאים אונזער סוד! מיר וועלן טויטן יעדן פאַררעטער, ווער ער זאָל ניט זיין; מיר שווערן אויסראָטן זיין גאַנצע פאַמיליע ביז דעם קלענסטן קינד! — און איצטער לאָמיר זיך פונאַנדערגיין, ברידער. לאַנגע נאַכט־פאַרזאַמלונגען זיינען געפערלאַך: וועגן זיי קענען זיך נאָך דערוויסן אונזערע פיינט!

* * *

ווען גראַף ציגראָן איז געקומען קיין פּערו, זיינען די יונגע אינדיאַנע־רינס, — וויבלאַך און מיידלאַך — אים אַרויס באַגעגענען מיט קערב בלומען. אַזוי האָבן פאַראָרדנט די שפּאַנישע באַאַמטע... זומע, וועלכע איז אויך געגאַנגען באַגעגענען דעם נייעם הערשער, איז זייער געפעלן געוואָרן דער גרעפין, און אין עטלאַכע וואָכן אַרום, האָט זי איר גענומען צו זיך פאַר אַ שטוב־מענטשן. אינגיכן האָט די גרעפין זייער ליב געקראָגן זומען. זומע פון איר זייט האָט זיך איבערצייגט, אַז די גרעפין איז זייער אַ גוטע, און אַזוי זיינען דידאָזיקעביידע פרויען באמת באַפריינדעט געוואָרן.

אַזאַ צוטרוי מצד דער גרעפין צו דער אינדיאַנערין איז זייער ניט געפעלן געוואָרן אַנגען. זי האָט זיך אָנגעהערט שרעקלאַכע מעשיות וועגן די אינדיאַ־נער און זי האָט געציטערט פאַר זייער פריינטשאַפט. די גרעפינס ווייסע דינער, פלעגן אויך זייער אַ פולע אָנריידן אויף זומען. —

זי מאַכט זיך נאָר פאַר אַזאַ גוטינקע, אינדעראמתן האָט זי אייך ניט

האַלט, גרעפין. זי איז אַ אינדיאַנערין און האָט פיינט די שפּאַניער. זעט אָקאָרשט, זי זאָל אייך ניט אָפּטאָן עפּעס; זי גנבעט זיך אריין צו אייך אין הארצן מיט די ערנסטע כוונות. ביי איר אין הארצן איז באַהאַלטן עפּעס ניט גוטס.

אָבער די גרעפין האָט אפילו ניט געוואָלט אויסהערן די אַלע בילבולים. זי האָט זייער ליב געהאַט די אינדיאַנערין און האָט זיך באַצויגן צו איר מיט דעם פולסטן צוטרוי.

IV.

די ערשטע 3—4 חדשים האָט דער גראַף מיט דער גרעפין געלעבט אין פּערו רואיק און גליקלאַך. אָבער מיטאַמאָל האָט די גרעפין זיך גענומען שפירן עפּעס ניט גוט, עפּעס ברעכן איר די ביינער, דאָ ווערט איר שרעקלאַך הייס, דאַ מוראדיק קאַלט... די גרעפין איז ערנסט קראַנק געוואָרן. דער דאָקטאָר, דער שפּאַניער, האָט איר איבערגעגעבן אַלע רפואות, וואָס זיינען נאָר געווען באַוואוסט אין יענער צייט... קיין איינע האָט ניט געהאָלפן. האָט זיך באַאומרואיקט דער גראַף איבער זיין פרוי, אַנע איז געווען צעטראָגן איבער איר געליבטע פריינדין, און דער דאָקטאָר שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט:

— צי איז דאָ אָקאָרשט ניטאָ קיין פאַרסמונג?

— אַ פאַרסמונג?—האָט אויסגעשריען אַנע—ווער זאָל דאָס קענען פאַרסמען די גרעפין? ווער איז פעאיק אויף אַזאַ רציחה? דאָ זיינען דוכט זיך אַלע געטרייע מענטשן! איין זומע איז אַ פרעמדע... צי דען זי?..

און זומע האָט זיך דערוויל זייער שטאַרק געקלעמט... זי האָט זיך געקלעמט דערפאַר, וואָס זי האָט מיט דער גאַנצער נשמה ליב געהאַט איר גוטע

באַלעבאָסטע ; דערפאַר, וואָס זי האָט געוואוסט אַ רפואה, וואָס וואָלט די גרעפין געקאָנט אויסהיילן, און זי האָט קיינעם ניט געקענט דערציילן וועגן דעם. זומע האָט געדענקט די שרעקלעכע שבועות פון די אינדיאַנער ; זי האָט געדענקט, אַז נ ט טויט דאַרף באַשטראָפט ווערן דער מענטש, וואָס וועט אַנטדעקן דעם סוד — ער און זיין גאַנצע פאַמיליע. זאָל זי נאָך זאָגן איין וואָרט — טויט מען איר, איר מאַן, איר עופעלע, מע נעמט אָפּ ביי די אינדיאַנער זייער איינציקן אוצר — די כינע-קאָרע ! ... זומע האָט געליטן און געשוויגן. און דער גרעפין איז דערווייל געוואָקסן אַלץ ערגער און ערגער. דער גראַף און אַנע זיינען אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. דער דאָקטאָר האָט שוין ניט געגעבן קיינע האָפענונגען.

די גרעפין האָט זיך געזעגנט מיטן מאַן, מיט אַלע פריינד. זי האָט געבעטן אַלעמען, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, זיי זאָלן ניט דערלאָזן קיין אומגערעכטיקייט, קיין בייזקייט און שלעכטסקייט קעגן די אינדיאַנער, מע זאָל זיך באַ יין מיט זיי מענטשלעך, ווייך... זי האָט אויך געבעטן, מע זאָל וואָרגן ווען זומען, מע זאָל ניט דערלאָזן, עמיצער זאָל זי, חלילה מיט וואָס עס איז באַליידיקן.

זומע האָט דאָס געהערט — און האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט !

די לעצטע צייט האָט זיך זומע אויך געשפּירט ניט איבעריק גוט: ס'האָט איר געמאַטערט דער פיבער, און דער גרעפינס קראַנקייט און די שטענדיקע צעטראָגנקייט און האַרצווייטאָק האָבן אינגאַנצן אונטערגעבראָכן די כּוחות פון דער יונגער אינדיאַנערין.

האָט זיך דער מאַן דערוווּסט וועגן איר קראַנקייט, האָט ער איר געבראַכט מיטן הסכם פון די אינדיאַנער אַ רפואה — דעם היילנדיקן כּינע-פּראָשיק... אינגאַנצן איינעם... אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער צוגעזאָגט ברענגען נאָך איינעם און שפּעטער אַ דריטן...

האָט זיך זומע שטאַרק פאַרטראַכט וועגן דער טייערער רפואה.

דאָס לעבן פון דער גרעפין איז טייערער פאַר מיינעם !... די גרעפין נעמט זיך אָן פאַר די אינדיאַנער, זי מאַכט לייכטער זייער ביטערן גורל. זי איז נייטיק פאַר מיין גאַנצן פאָלק, און איך — נאָר מיין הויזגעזינד. איך קען איר ניט אָפן געבן די רפואה, איך קען עס אָבער שטילינקערהייט אַריינשיטן אין איר געטראַנק. אויף אַזאַ אופן וועל איך קיינעם ניט אַנטדעקן דעם סוד פון די אינדיאַנער, און די גרעפין וועל איך געזונט מאַכן.

ס'איז געוואָרן נאַכט, די דינערשאַפט אין פּאַלאַץ פון הערשער איז געשלאָפן מיט אַ רואיקן שלאָף. ניט געשלאָפן זייַנען נאָר דער גראַף און אַנע. ווי זיצן אין צימער, וואָס איז אין שכנות מיט דער גרעפינס צימער, זיי ווערן וועגן איר געוואָר פון צייט צו צייט.

עס שלאָפט אויך ניט זומע. שטילינקערהייט גנבעט זי זיך איבער די צימערן פון פּאַלאַץ. אַ בלייכע, אָן אָפּגעשוואַכטע פון פיבער, האָט זי זיך קוים מיט מאַטערניש דערשלעפּט צום צימער פון איר ווירטין, פאַרבייגייענדיק דעם צימער,

וואו ס'איז געזעסן דער גראַף. זי האָט אַ קוק געטאָן... לעבן דער גרעפין איז קיינער ניטאָ... דרייסטער... מיט אַ ציטערדיקער האַנט שיט זי אַריין דעם פּראָשיק אין דעם געטראַנק פון דער קראַנקער. מיטאַמאָל עפנט זיך אויף די טיר פון דעם דערבייאיקן צימער... ס'גייט אַריין דער גראַף. טרייסלענדיק זיך פון שרעק, גיט ער זיך אַ וואָרף אויף זומען, כאַפּט איר אָן מיט אַ פעסטער האַנט און שלעפּט איר אין דעם דערבייאיקן צימער.

— וואָס האָסטו אַריינגעשאָטן אין געטראַנק?—האָט ער בייז געפרעגט.—

די אינדיאַנערין איז שיר ניט משוגע געוואָרן פאַר שרעק.

זומע שווייגט.

אַנע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפוועקן דאָס דינערשאַפט. אין צימער זיינען אַריין עטלאַכע מענטשן.

— פירט אָפּ די פאַרגיפטערין אין גפעפענגעניש,—האָט אַזאָג געטאָן דער גראַף—און קיינער זאָל ניט וואַגן ריידן וועגן איר מיט דער גרעפין. נאָך גוט, וואָס די קראַנקע האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט, כ'וויל ניט, זי זאָל זיך באַאומרו-איקן צוליב דער מערדערין.

די ידיעה וועגן זומען—דער פאַרגיפטערין—האָט זיך זייער גיך פונאַנדער-געטראָגן איבערן שטאָט און איבערן גאַנצן אומגעגנט. די אינדיאַנער זיינען מוראדיק אויפגערעגט געוואָרן, זומען האָט ערוואַרט אַ שרעקלאַכער סוף.

פון פרימאָרגן אָן איז שוין דער זאַל פון געריכט געווען פול מיט מענטשן, ווייסע און רויטהויטיקע.

זומען האָט מען אַריינגעפירט אין קייטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרהער.

— דו האָסט אַריינגעשאָטן דעם פּראָשיק אין דעם געטראַנק פון דער גרעפין?

— איך.

— וואו האָסטו אים גענומען?

— איך האָב אים געבראַכט—האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער קול, און מירוואַן איז אַרויסגעטראָטן פאָראויס פון דעם המון אינדיאַנער.

— ניין, ניין, ער איז ניט שולדיק, ער האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט—האָט צעשראָקן אַרויסגערעדט זומע.

— שווייג, ווייב! דו מיינסט אפשר, איך וועל בלייבן לעבן אָן דיר, וואָס? איך גיב זיך איבער אין די הענט פון די שופטים.

— וואָס פאַר אַ פּראָשיק האָסטו געבראַכט? סם?

— ניין.

— אפשר אַ רפואה צו פיבער?

זומע האָט זיך דערמאָנט אָן די שבועות פון די אינדיאַנער, זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר קליינינקן זונעלע און אין איינע שרעק האָט זי אויס-געשריען:

— ניין, ניין! מיר ווייסן ניט קיינע רפואות פון פיבער.

— ניט קיין רפואה, איז סם — האָט באַשלאָסן דער ריכטער — הייסט עס, דער פּראָשיק איז סם? זייט זיך מודה!

— אין קיין זאַך בין איך זיך ניט מודה, — האָט שטאָלץ געמאָלדן מירוואַן.

— איך קען נאָר שווייגן — האָט הכנעהדיק אַרויסגערעדט זומע.

מען האָט אַרויסגערופן צום פאַרהער דעם דאָקטאָר — דעם שפּאַניער.

— אַ מאָדנע קראַנקייט איז ביי דער גרעפין — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר — קיין שום רפואה העלפט דאָ ניט. איך רעכן, אַז דאָ ווירקט אַ לאַנגזאַמער פּאַר אונז אומבאַקאַנטער סם.

מיט אַ שוידער האָבן אַ קוק געטאָן די ריכטער אויף זומען, אויף איר מאַן און האָבן אָנגעהויבן שטילערהייט צו באַראַטן זיך.

— מאָרגן, אינמיטן טאָג פאַרברענען זיי אויפן שייטערהויפן — האָבן זיי פייערלאַך אויסגערופן דעם פּסק־דין.

די אינדיאַנערין האָט אָנגעהויבן זיפצן און קרעכצן.

— שטאַרק זיך, זומע. דער טויט וועט אונז באַפרייען פון דער שענדלאַכער קנעכטשאַפט. מיר וועלן שטאַרבן און מיר וועלן זיין פריי! — האָט באַגייסטערט אויסגעשריען מירוואַן.

V.

ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע אינדיאַנער פון שטאָט מוזן זיך מעלדן צום אָרט, וואו ס'וועט אויסגעפירט ווערן דער שטראָף איבער די פאַרמשפּטע. דער שרעקלאַכער, יסורימדיקער טויט פון מירוואַנען און זומען האָט געדאַרפט אַרויפוואַרפן אַ פּחד אויף די אינדיאַנער. אַ אומעטיקער, ניט באַוואָפנטער המון האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום די שייטערהויפנס, וואָס זיינען געווען באַוואַכט מיט אַ שמירה פון שפּאַנישן מיליטער.

די גאַנצע שטאָט איז געווען צערודערט. דער הערשער האָט ניט געוואָלט ביי זיין ביים אויספירן דעם טויט־שטראָף און איז אַוועקגעפאָרן פון שטאָט.

נאָר די גרעפין אַליין האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט. זי האָט אָבער באַמערקט, אַז די דינער קוקן זיך איבער אַזוי מאָדנע, זיי שעפּטשען זיך איבער עפּעס אַזוי סודותדיק...

— פון מיר באַהאַלט מען עפּעס וואָס, אַנע? — האָט זי געפרעגט איר חברטע — וואָס קומט דאָ פאָר?

אַנע האָט קיין זאַך ניט געענטפערט, ווי זי וואָלט, כּלומרשט, ניט דערהערט די פראַגע און איז אַרויס פון צימער.

— וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס האָט דאָ פאַסירט? עפּעס אַן אומגליק מיטן גראַף? — האָט צושראָקן אויסגעשריען די גרעפין. אויף איר געשריי זיינען אַריינגעקומען די דינער.

— באַהאַלט פון מיר קיין זאַך ניט, כ'וויל אַלץ וויסן! — האָט די גרעפין

זיך געווענדט צו זיי מיט אַ מוראדיקער צוטראָגנקייט.—וואו איז דער גראַף? מיט אים האָט פּאַסירט אַן אומגליק? וואו איז זומע? רופט איר אַהער, זי האָט מיך ליב, זי וועט מיך ניט מאַטערן מיט אַזאַ שרעקלאַכן שווייגן.

מען האָט געמוזט דערציילן איר דעם גאַנצן אמת.

— זומע האָט מיך געוואָלט פאַרסמען?... ס'קען ניט זיין! כ'וועל עס פאַר קיין פאַל ניט גלויבן!—האָט אויסגעשריען די גרעפין.

— זי האָט זיך אַליין מודה געווען אויפן געריכט.

— אומגליקלאַכע זומע!... זי האָט נאָר דערפילט, ווייזט אויס, אַ באַפעל פון די אינדיאַנער... זיי האָבן איר אָנגעשראָקן, זיי האָבן איר געדראָט... ווי די זאַך זאָל ניט זיין—צוליב מיר וועט זי ניט אומקומען!... שנעלער גיט אַהער די טראָג=בעט! איך וויל, איך מוז קומען אַהין אויפן שרעקלאַכן אָרט, איידער די שטראָף איז נאָך אויסגעפירט געוואָרן.

וויפל די שפּאַניער מקורבים האָבן ניט אָפּגערעדט דער גרעפין, וויפל מ'האָט איר ניט געבעטן, זי זאָל ניט זאָרגן וועגן די רוצחים, זי זאָל היטן זיך —קיינזאַך האָט ניט געהאָלפן: מען האָט איר געמוזט טראָגן אַהין, וואו ס'האָבן שוין געפלאַקערט די שייטערהויפנס, וואו ס'האָט זיך געשטופּט דער המון.

מיטאָג=צייט. מירוואַנען און זומען פירט מען אַרויס פון געפענגעניש. זיי זיינען אָנגעטאָן אין לאַנגע בגדים, וועלכע ס'פלעגן געוויינטלאַך טראָגן אין יענער צייט די פאַרמשפּטע. אויף זייערע קעפּ זיינען אַרויפגעוואָרפן עפּעס אַזוי ווי זעק, מיט לעכער פאַר די אויגן. אויפן רוקן ביי מירוואַנען איז געווען אַן אויפשריפט: „דער פאַרגיפטער", ביי זומען—„די פאַרגיפטערין". אַרום זיי — ביי אַ הונדערט סאָלדאַטן מיט ביקסן. די גליענדיקע שטראַלן פון דער זון האָבן באַשיינט די פנימער פון די אומגליקלאַכע, האָבן זיך געשפּילט אויף די געווער פון די שפּאַניער. אָט זעט זיך שוין פון ווייטן דער שייטערהויפן... אַ המון... דער פויק זאָגט אָן, אַז ס'דערנעענטערן זיך די קרבנות. ביי זומען איז פאַר=גליווערט געוואָרן די בלוט אין די אָדערן, איר פנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ טויטלאַכער בלייכקייט.

— גיב נאָר אַ קוק!—האָט איר געטרייסט מירוואַן:—אַ געדיכטער רויך הייבט זיך אויף צו די הימלען! מיר וועלן דערשטיקט ווערן אין איין מינוט, ס'וועלן אָן יסורים ברענען אונזערע טויטע קערפּערס.—איך זע נאָר אַ פלאַם, ניט קיין רויך,—האָט געשעפּטשעט זומע, יעדער טריט האָט דערנעענטערט די אומגליקלאַכע צום שרעקלאַכן טויט. מיטאַמאָל האָט זיך פון ערגעץ=וואו דער=הערט אַ שרעקלאַכער געשריי:

— האַלט, האַלט!..

מיטן גאַנצן אימפּעט איז געקומען צו שפּרינגען אָן אָפיציר פון דעם גראַפס מקורבים, ער רוקט פונאַנדער דעם המון, ער שטופּט זיך צו צו די הענקערס...

— האַלט! די גרעפין וועט באַלד קומען. אָן איר זאָל מען ניט צוטרעטן צום אויספירן דעם פסק=דין. וואַרט אויף איר!

— וואָס איז דאָס?.. פונוואַנען איז ער?.. וואָס האָט ער געזאָגט? צוליב וואָס וועט מען ברענגען אַהער די גרעפין?—האָט זיך געטומלט דער עולם.

דער עולם האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אַ ביסל צו באַרואיקן, ווי עס האָט זיך שוין באַוויזן די טראָג־בעט. די סאָלדאַטן האָבן באַגריסט די גרעפין. מיט גרויס מאַטערניש האָט זי זיך אויפגעהויבן אויפן געלעגער.— שענקען די פּאַר־משפּטע איז ניט אין מיין רשות—האָט זי קוים אַרויסגערעדט—אָבער בעטן רחמים פאַר זיי ביים גראַף—דאָס קען איך, און איך בין זיכער, אַז ער וועט מיר ניט אָנטזאָגן, מעגלאַך, אין מיין לעצטער בקשה. דערווייל פאַרלעשט דעם שרעקלאַכן פייער. איך זאָל וויסן פריער, אין וואָס מען באַשולדיקט די אומ־גליקלאַכע, וואָלט מען אים ניט אָנגעצונדן. נעמט אַראָפּ די קייטן פון זומען און פון איר מאַן. איך ענטפער פאַר דעם, אַז זיי וועלן ערגעץ ניט אַנטלויפן פונדאַנען.

— גייט נאָך מיר,—האָט זי זיך געווענדט צו די פאַרמשפּטע.

— געזונט זאָל זיין די גרעפין!—האָט זיך דערהערט פון המון.

— יאָ, ברידער, זי וועט זיין געזונט, זי וועט לעבן! — האָט זיך דער־הערט קסימעאַס קול.

— אין אַ שעה אַרום זיך צוזאַמענקלייבן אין הייל!—האָט ער אַריינגע־שעפּטשעט די אינדיאַנער, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אים. פון אינדיאַנער צו אינדיאַנער האָט זיך זייער גיך פונאַנדערגעטראָגן דער באַפעל, און באַלד האָט שוין געוואוסט דערפון דער גאַנצער המון רויטהויטיקע.

די טראָג־בעט האָט זיך גענומען באַוועגן צוריק צום פּאַלאַץ. אָבער לאַנג נאָך האָבן באַגלייט די גרעפין אויסגעשרייען פון באַגייסטערטער דאַנקבאַרקייט און די האַרציקסטע ברכות פון געזונט, גליק, נחת און פאַרגעניגן.

די גרעפין האָט זיך אומגעקערט אין פּאַלאַץ, איינגאַנצן אַן אויסגעמאַ־טערטע. ווי נאָר זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט זי געשיקט רופן זומען.

— רבונו של עולם! צו וואָס דאַרפט איר זיך נאָך אויפרעגן? צו וואָס דאַרפט איר נאָך זען די אינדיאַנערין?—האָט אויסגעשריען אַנע.

אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. דער פאַרלאַנג פון דער גרעפין האָט געמוזט דערפילט ווערן. מען האָט אַריינגעבראַכט זומען. די גרעפין איז געזעסן אין אַ גרויסן פאָטעל, איינגעוויקלט אין פוטער. איר פּנים איז געווען ניט צו דערקענען.

— זומע, קום אַהער נעענטער......—האָט זי מיט אַ אָנשטרענגונג אַרויסגע־רעדט.—איך האָב דיך אַזוי ליב געהאַט.. איך קען אויף דיר ניט זיין אין כעס.

זומע איז געווען אויסער זיך. די גרעפין איז איר חושד, איז איר מוחל; איר, די אומשולדיקע, די געליטענע! און זי קען ניט זאָגן קיין איין וואָרט זיך צו פאַרענטפערן! שווייגנדיק איז זי געפאַלן אויף די קני פאַר דער קראַנקער און כליפּענדיק אויפן קול איז זי צוגעפאַלן צו איר האַנט.

נאָר אָט האָבן זיך אויפן הויף דערהערט גיכע טריט און פריילאַכע שטי־מען. די גרעפין האָט דערקענט צווישן זיי איר מאַנס קול.

— אין דיין נאָמען האָב איך געשענקט דעם לעבן די שולדיקע! זיי זיי מוחל!—האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום באַגעגנט דעם גראַף, אויסשטרעקנדיק צו אים מיט אַ געבעט די הענט.

— קיין שולדיקע זיינען ניטאָ! – האָט פרייליך געענטפערט דער גראַף— קומט אַריין, קומט אַריין!—האָט ער אויסגערופן, אויסדרייענדיק זיך צום טיר.

ס׳זיינען אַריין קסימעאַ און מירוואַן.

— זומע,—האָט געזאָגט דער אַלטער אינדיאַנער:—מיט דער ערלויבעניש פון אונזער גאַנצן שבט האָב איך אַנטדעקט דעם גראַף דעם סוד פון דעם הייליקן בוים. איך האָב געזאָגט, אַז אין דעם גרעפינס געטראַנק האָסטו אַריינגעשאָטן אַ רפואה-פראָשיק.

— אַ רפואה-פראָשיק? וואָס-זשע האָסטו געשוויגן?—האָט מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט די גרעפין.

— זיי מיר מוחל!—האָט אויסגעשריען אַנע.

— אַ שבועה האָט צוזאַמענגעבונדן אירע ליפן, און זי האָט געשוויגן,— האָט דערקלערט קסימעאַ.—נאָר די גרעפין האָט מיטן כוח פון איר באַרימהאַרציקייט מנצח געווען דעם כוח פון אונזער שבועה. זי, אַ האַלב-טויטע, איז געקומען שענקען אירע כלומרשטע פאַרגיפטער. דאָס האַרץ פון דער ווייסער פרוי האָט איר געראַטעוועט פון טויט. ראַטעווענדיק אַנדערע, האָט זי געראַטעוועט אויך זיך. אינדיאַנער שעצן די איידלקייט פון האַרצן און גרויסקייט פון נשמה. זיי גיבן אַוועק „דעם בוים פון געזונטהייט" אַ מתנה דער גרויסמוטיקער גרעפין צינראָן.

*

אויפן אָרט פון שייטערהויפן שטייט איצטער אַ דענקמאָל, און אויף אים שייגען מיט גאָלדענע אותיות די ווערטער: „זומען, דעם פריינד און דער רעטערין פון דער גרעפין צינראָן, דער באַגליקערין פון די ווייסע".

אַכטונג, ח' לערער!

אין פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול" ווילנע איז ערשינען אַ נייע כרעסטאָמאַטיע פאַר די העכערע קלאַסן „דאָס נייע וואָרט" אין 4 בענדער

צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

ערשטער באַנד— עפּאָס.

צווייטער באַנד— ליריק.

דריטער באַנד — דראַמע. (גרייט זיך)

פערטער באַנד — פּראָזע. "